לייב קוויטקא.

# ט ר י ט.

קיעווער פארלאג

## אין יאָד.

### געדעכניש.

דו געהסט דעם שעלטענדיגן טאג אַנטקעגן
און שטעלסט אים אונטער דיין אנטבלויזטן נאקן,
טראגסט דיין קאָפּ דעם וויסטן רעגן,
דער זון אים באַקן.

וועה!
דער פאר וועמען ביזט פארשפּראכן
זיין אויף הפקר,
דער פאר וועמען בעטסט,
די, נאקעט קינד, מיט אנדערע קינדער:—
איז אליין אַ בלינדער,
איז אליין אַ בלינדער...

און איך?...
...אין תוהו ובוהו,
ווי מיינע אהנצאליגע אבות,

ווען מײַן גערעכניש פֿארגעהן אזוי,
אין אויב פֿון דער שלײַכנדער צײַט
וועלן אויפֿגעהן בליהענדע מאָרגענס מיט טוי
פּאר באשעפֿניש און לײַט—
זאָלן זיי וויסן, אַז איך בין אוועק
אין תּוהו ובֿוהו.

*

## אַ שוויגנס.

דוד בערגעלסאן געשענקט.

איז קיינער נישט פאראנען אין מיין צימער,
ווער איך מונטער.
איך שמייכל אונטער
אין טאַנץ אַ שוויגנס מיט דער שטילקייט.
מיר דרעהען זיך אין שטילער גרינגער ווילדקייט.
דרעהען זיך—איך מיט שטילקייט...

זי טוליעט מיך און ווינטעלט צארט אין אויער,
שפּורט מיך מיט אויסזעהען איר גרויער,
איך ווער א תּם
און דרעה זיך גלאט, ווייל ס'דרעהט זיך,
נאָר באלד אין שטילקייטס ווינקלען
אַ מורמעלע צעגעהט זיך,
מיך בארירט עס—
דערקען איך זיך, מיין שטילקייט,

טאנצן מיר מיט גרינגעָר ווילדקייט,
אין טונקלער לופט, ווי טונקלעֶ צייגנס,
טאנצן איך מיט שטילקייט
אַ טיפן גרינגן שווייגנס...

עס מאכט זיך:
איך קום אמאָל, און שטילקייט וויל מיך נישט דערקעֶנעָן.
איך זוך מיך אָפּ אין אירע אויגן—
זעה איך, אז מיינע שלייפן ברעֶנעָן,
און אויף די אויגן מיינע בליצן
שדים-פּערל, מארקן-בליצן.—
פארמאך איך באַלד די אויגן מיר
און קער צוריק.
זי טוט א בליק
און שמידט אי מיך, אי טיר.

איך ווער געפּלעפּט
און קניה פּאר איר...

ווען איך דערוואך,
איז הימל שוין אַ שווארצער דאַך,
איך און שטילקייט שטייען געארם,
די אויגן פייכט, די באקן ווארים.
מיר ציהען באלד אַ מעשה־ליד
פון נעכט און רעגנס
און טאנצן גרינג און לאנג אַ שווייגנס...

*

## פארשפעטיגט.

דער דרויסן איז היינט אנגעטאן אין גרויען,
א שאטן פון זיין פאלדענדיגן מלבוש
פאלט אריין דורך פענסטער ט'הער אין זאלן,
ער האלט דעם אטעם איין
אויפ'ן ווארטענדיגן טעפיך...

צארטע!
עס שמעקן דיינע בארווים איידלע טריט אין זאל פארלאזטן...
וואו ביזטו?
דער טעפיך איז אין פארבן אלערליי
מיט געשטאלטן אנגעמאלט פון בראנדן-קעפ—
פארדרעהטער כתב: טאטערש, טערקיש, הערגליפיש,
פיל געשיכטעס פון פיל פעלקערס צער.

ליגט א טרויעריגער טעפיך מיט פארדרעהטן כתב,
האלט דעם אטעם איין אויף אים, דעם דרויסנס שאטן...
בלייבן זיך פארהוילן קליינע טריט...

צוויי טופליעס אויפ'ן טעפיך,

אײַן טופּליע ליגט צעלענט, דאָס נעזל מײדעליש פאַררינן,
דאָס לעפּל אױסגעשטרעקט
דער צװײטער טופּליע צערטלען.
די קולקעס בליצן, בליצן, בליצן...

די צװײטע שטעהט ברוגז־המעװאַטע,
די שנירלאַך ביז אַראָפּ צום טעפּיך,
קוקט פון טונקלער נאָז אַרױס
אַ ר ו י ף, אַרױף צו סטעליע...

שמעקן אירע באָרװים אײרלע טריט
און זאָל פאַרלאָזטן...
האַלט דעם אָטעם אײַן דעם דרױסנס שאָטן...

*